25

# נאוואסעליצער

## פּראָגרעסיוו

בר. 498 א. ר.

1913 1938

שבת, דעם 15טן יאַנואַר

פּיטיאַן טעמפּעל - ניו יאָרק

# נאָוואָסעליצער בעסאַראַביער פּראָג. בר. 498
## אַרבייטער רינג

אַרויסגעגעבען צום
25 יאָהריגען יובילעאום פייערונג

## שבת, דעם 15טען יאַנואַר, 1938
ניו יאָרק

---

ד. פּאָלישטשאָק, רעדאַקטאָר — איזי דראנטש, טשערמאַן
רעדאַקציאָנס קאָלעגיום:
דזשאו קאַצמאַן, דזשאו קאָרינפילד, נ. ווילנער

---

### ברענטש באַאמטע:

טש. פרענק......פינאַנס־סעקרעטאַר
מ. יאסלאָוויץ......פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר
נ. ווילנער......קעשיר
ד. בירינבוים......האָספיטאלער

### יובילעאום אַראַנדזשעמענט קאָמיטע:

וו. טאראנסקי......טשערמן
וו. נעטינסאָן......פינאַנס־סעקרעטאַר
ד. פּאָלישטשאָק......פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר
נ. ווילנער......קעשיר

| | | |
|---|---|---|
| טש. פרענק | מ. גאָדעלמאַן | ס .קאָהן |
| דזשאו קאַצמאַן | איזי קאָהן | אב. קאַצמאַן |
| ד. בירינבוים | דזשאו ווילנער | א. סופער |
| איזי דראנטש | דזשאו קאַרינפעלר | א. רובינשטיין |
| מ. יאסלאָוויץ | ל. ספילמאַן | |

### פרויען־קלוב:

| | |
|---|---|
| פ. קאצמאן | ר. סקארניק |
| ס. סופער | מ. נעטענסאָן |
| מ. ווילנער | ר. בירינבוים |
| ה. האָפמאן | איי. פישבאַך |

### זשורנאַל קאָמיטע:

איזי דראנטש......טשערמאַן
ד. פּאָלישטשאָק......סעקרעטאַר
דזשאו קאַצמאַן, דזשאו קאָרינפילד, דזשאו ווילנער, טש. פרענק,
ד. בירינבוים, וו. נעטינסאָן, מ. יאסלאָוויץ.

# באַגריסונג פון דער אַראַנדשזעמענט קאָמיטע

•

אלס אַ רינג אין דער קייט פון אַרבייטער איינינקייט, געבויט אויף די מאָדערנסטע פאָרמען פון געגענזייטיגע הילף אויף דעם פרינציפּ פון גלייכהייט, ברידערליכקייט און דעמאָקראַטישע פרייהייט, וואָס דער אַרבייטער רינג שטעלט מיט זיך פאָר, האָט אונזער ברענטש אין זיין 25 יאָהריגען עקזיסטענץ אַלע מאָל פעסט גע־האַלטען דעם רינג און געהאָלפען צו באַפעסטיגען און באַ־שיצען דעם רינג און אויפהאַלטען די גאַנצקייט פון דער קייט. אין יעדער אונ־טערנעהמונג, וואָס איז באַשטימט געוואָרען פון דעם אַרבייטער רינג, סיי קולטורעלע, סיי פּאָליטישע און סיי עקאָנאָמישע, האָט אונזער ברענטש אַרויסגעצייגט רעספּעקט, אַכטונג און לאָיאַליטעט; דער רעקאָרד פון אונזער ברענטש ווייזט קלאָר מיט פאַקטען, וואָס באַשטעטיגט דאָס.

מיר באַגריסען די גרינדער פון אונזער ברענטש פאַר זייער אויפטו. ערשט יעצט ווייסען מיר גענוי, ווי אָפּצושאַצען זייער אונערמידליכע אַרבייט, ווערענד די גאַנצע ציוויליזירטע מענשהייט שטריינגט זיך אָן, און בויעט אַלע נייע ערפינדונגען אויף צו מאָרדען און שאַפען קריג צווישען מענשען און מענשען, האָט איהר, גרינדער, געשאַפען אַן אָרגאַניזאַציע צו שאַפען ברידערליכע באַציאונגען אויף דעם פרינציפּ פון פרידען, פרייהייט און דעמאָקראַטישען סאָציאַליזם.

מיר באַגריסען אַלע אונזערע פריינד, מעמבערס און זייערע פרויען און פאַמי־ליעס צו אונזער יום־טוב, און מיר ווינטשען אַלעמען נאָך לאַנגע יאָהרען פון פרוכט־באַרער אַרבייט פאַר אונזער ברענטש און פאַר דעם גאַנצען אַרבייטער רינג.

**די אַראַנדזשמענט קאָמיטע**



25 יאָהריגע יובילעאום אַראַנדזשעמענט קאָמיטע פון נאָוואָסעליצער פראָג. ברענטש 498, אַר. רינג

1. זיצענדיג, פון רעכטס צו לינקס: מ. נאָדעלמאַן, טש. פרענק, ד. פּאָלישטשאָק, וו. טאַראַנסקי, נ. ווילנער, וו. נעטענסאָן, דזשאו קאַצמאַן.
2. ר. בירינבוים, איי פישבאַך, ה. האָפמאַן, מ. ווילנער, מ. נעטינסאָן, ס. סויפער, ר. סקאַרניק, פ. קאַצמאַן.
3. ד. בירינבוים, ב. קאַצמאַן, א. קאָהן, ק. שיכער, דזשאו קאָרינפעלד, דזשאו ווילנער, ל. ספּילמאַן, מ. יאַסלאָוויץ.

# ברענטש 498

געשריבען ספּעציעל פון אונזערען אַ מעמבער פון בר. פאַר דעם ברענטש 498

## דזשא קאָרינפעלד

געזונגען מיט דער מעלאָדיע: „ווי נעמט מען פרנסה".

עס איז פאַראַן אויף דער וועלט
אַן אָרגאַניזיישאָן רינג
אַרבייטער פון גאַנצען לאַנד
באַלאַנגען יעצט אַצינד.
ברענטשעס האָט ער אָן אַ שיר,
סאָציאַליסטישע געשטימט,
נאָר איין ברענטש האָט ער וואָס פאַרנעמט דאָרט
יעצט דעם ערשטען פונקט.

ר ע פ ר י י ן

דאָס איז ברענטש 498,
אַרבייט גאַנץ פלייסיג,
יעדער איינער מעמבער דאָרט
טוט זיין אַרבייט פינקטליך פאָרט.
אין ברענטש 498, אין דעם בר. 498,
איהר מעגט אַ בעלן זיין צו זעהן,
ווי די אַרבעט דאָרט איז מלא חן,
אין דעם ברענטש 498.

עס געהט אָן דאָרט יעצט אין ברענטש
אַ מעמבערשיפּ קאַמפּיין,
מען שרייבט די אַפּליקיישאָנס דאָרט,
ווי נסים וואָלט געשעהן.
עס קומט יעדען מיטינג צו
נייע מעמבערס אָן אַ מאָס,
און די לאַנדסלייט פרעגען זיך
אַ קשיא, אוי פאַרוואָס?

רעפריין

הערט נאָר, מענשען, אַ גערודער,
וואָס עס טוט זיך דאָרט:
ביי די לאַנדסלייט האַלט מען
אין איין ריידען פון דעם פאַל,
אַ פרויען־אָרגאַניזיישאָן
האָבען זיי געגרינדעט אויך,
און די פרויען לערנען דאָרט
זיין מיט מענער גלייך.

רעפריין

יעדער איינער קען באַלאַנגען,
ווייל ער האָט דעם טשענס,
סיי די מענער און די פרויען,
פאַר דעם זעלביגען עקספּענס.
עס קאָסט ניט טייער זיך אָנשליסען,
ווייל מיר פיהרען אַ קאַמפּיין,
מאַכען שעהנער און פיל גרעסער,
זינגט דעם רעפריין.

רעפריין

הערט מיין עצה און פאָלגט מיין ראַטה,
וואָס איך רעדט צו אייך,
ווייל אַ מעמבער בין איך דאָרט
שוין יאָהרען לאַנג אַ סך:
קומט אַריין און העלפט אונז בויען
אויף די שעהנע וועלט,
ווייל סאָציאַליסטען זיינען מיר,
זון דאָס וואָס אייך געפעלט.

רעפריין

מיר פייערען היינט אַ גרויסע שמחה,
זי איז ליב אונז ווי די וועלט,
קיינער קען זיי ניט באַצאָלען אונז,
מיט דער גרעסטער סומע געלט,
ווייל זוכה זיין צו דערלעבען דאָס,
איז אַ שעהנער פרעצידענט:
25 יאָהר אַז עס איז שוין
זייט אונזער עקזיסטענץ.

רעפריין

פינף און צוואַנציג יאָריגער יובילעאום נאָוואָסעליצער פראָג. בר. 498, א. ר.

באַגריסונג צום

# 25 יאָהריגען יובילעאום פון נאָוואָסעליצער פראָג. ברענטש 498, אַרבייטער רינג

פון י. באַסקין, דזשענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבייטער רינג

●

ד'איז אַ גרויסע שמחה, ווען אַ ברענטש פון אַרבייטער רינג פייערט זיין 25 יאָהריגען יובילעאום. ס'איז אַ מאָמענט, ווען מען גיט זיך אָפּ דין וחשבון פון דער פאַרגאַנגענער טעטיגקייט. מען וואַרפט אַ בליק אויף דעם פאַרגאַנגענעם וועג און אויפ'ן האַרצען ווערט פרייליך, מען פילט אָפּגעפרישט ווי אַ נייע כוואַליע פון דערמוטיגונג. אַ פרישער שטראָם לויפט דורך אייער קערפּער, און איהר פילט ווי אינגאַנצן אָנצופאַנגען די אַרבייט אויף דאָס ניי, און מיט אַ פאַרשטאַרקטען טעמפּאָ נעמען זיך ווידער צו באַפעסטיגען די פּאָזיציעס, וועלכע מען האָט אָנגענומען אין פאַרלויף פון די יאָהרען. איבערהויפּט ווערט פרייליך אויפ'ן האַרצען, ווען מען באַטראַכט די אַלגעמיינע לאַגע אין וועלכע מיר געפינען זיך, ווען מען זעט, אַז אַרום איז אַלץ פינסטער, ווען שוואַרצע כחות הויבען אויף די קעפּ און זוכען אַלץ צו פאַרכאַפּען, און ווען מען באַטראַכט אונזער אַרבייטער רינג, וואָס איז היינט צו טאָג דער איינציגער פּלאַץ, דער איינציגער טעמפּל וואו מענשען קענען זיך צוזאַמענקומען און באַטראַכטען איינער דעם אַנדערען ווי אמת'ע פריינד, ווי קינדער פון איין משפּחה, ווען מען באַטראַכט נאָך די אַלע פאַרשידענע וואונדערבאַרע טעטיגקייטען, וועלכע דער אַרבייטער רינג האָט אויסגעשפּרייט אין די פאַרשידענע אינסטיטוציעס, וואָס ער האָט געשאַפען, וועלכע דינען די אינטערעסען פון די ברייטע אַרבייטער־מאַסען, דאַן פילט איהר, אַז עס איז דאָ אַן אורזאַך פאַרוואָס צו פרעהען זיך. איהר באַגרייפט, פאַרוואָס אַזויפיל מענשען האָבען זיך קאָנצענטרירט אַרום אונזער אָרגאַניזאַציע און האָבען אוועקגעגעבען זייער לעבען, זייער מיה, זייער ענערגיע, כדי שהענער צו מאַכען זייער אַרבייטער רינג, שטאַרקער מאַכען זיין פּאָזיציע און אויפהויבען איהם אויף דער הויכער מדרגה, אויף וועלכער ער געפינט זיך היינט צו טאָג.

און איבערהויפּט מעגען היינט שטאָלצירען די פּיאָנערען, די שאַפער און בויער פון נאָוואָסעליצער ברענטש 498. זיי, וועלכע האָבען געטראָגען אויף זייערע פּלייצעס די גאַנצע משא. זיי, וועלכע האָבען געזאָרגט וועגען די פאַרשידענע פּאַסירונגען, וואָס קומען פאָר אין ברענטש. פּונקט ווי אַ גערטנער, וועלכער היט אָפּ זיינע בלימלאַך פון שטורמען און ווינטען, אַזוי האָבען זיי אויסגעהיט דעם ברענטש פון אַלע צושטערענדע קרעפטען, און אָנגעהאַלטען דעם ברענטש אין זיינע רייען און געבליבען געטריי און לאָיאַל צו אונזער אָרגאַניזאַציע. עס איז זיכער אַ כבוד, אַ שטאָלץ פאַר'ן אַרבייטער רינג, וואָס מיר פאַרמאָגען אַזעלכע איבערגעגעבענע טוער.

אָבער מיט דער פאַרגאַנגענהייט אַליין טאָר מען זיך ניט באַנוצען. ווי ערליך די פאַרגאַנגענהייט זאָל ניט זיין, קאָן זי אונז ניט אינגאַנצען צופרידענשטעלען. די פאַרגאַנגענע ערפאָלגען דאַרפען דינען אַלס קוואַל פון באַגייסטערונג פאַר ווייטערדיגע אַרבייט, פאַר טעטיגקייט פאַר דעם מאָרגען. זיי מוזען העלפען די פירער פון אַרבייטער רינג, דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע אין אַלע אונטערנעמונגען, כדי צו מאַכען דעם אַרבייטער רינג נאָך ערליכער און נאָך פרעכטיגער.

זייט געגריסט, שאַפער און בויער פון ברענטש 498, אַרבייטער רינג!

זייט געגריסט אַלע מיטגלידער פון ברענטש, אין וועמעס שמחה דער גאַנצער אַרבייטער רינג נעמט אַ וואַרימען אָנטייל!

# ענדליך פייערען מיר אויך

### פון דזשאו קאצמאן

ענדליך נאך לאנגע פארבערייטונגען און אנגעשטרייננטער ארבייט, פייערען מיר דעם 25 יאהריגען עקזיסטענץ פון אונזער ברענטש. ביי דיזען מאמענט פאדערט זיך, נאטירליך, אן אפשאצונג און אן אונטערצי פון דער ארבייט און טעטיגקייט פון אונזער ארגאניזאציע, איז דעם אונטערצי לאזען מיר איבער צו אונזערע געשיכטע־שרייבערס, אבער די אפשאצונג וועלען מיר פראבירען מאכען דא.

ווען מיר טרעטען צו צו דער אפשאצונג פון אונזער טעטיגקייט פאר די פארגאנגענע 25 יאהר, טראגט אונז אונזער פאנטאזיע צוריק צו דער לאנגער און ווייטער פארגאנגענהייט און שטעלט אונז פאר ווי א קליינע גרופע אידעאליסטען און טרוימער, וועלכע זיינען אין יענער שטורם־ און דראנג־פעריאדע אריבערגעווארפען געווארען פון זייער קליין היימיש שטעטעלע, אריבער דעם שטורמעשען און געהיימניספולען אטלאנטישען אקעאן. און דא, אין דעם נייעם לאנד פון פרייהייט, געזוכט מעגליכקייטען ווייטער זיך צו פארפולקאמען און אויך פראפאגאנדירען דעם גרויסען און הומאניטארען פילאזאפישען געדאנק פון סאציאלער און עקאנאמישער פרייהייט פאר אלע מענשען, און אזוי זובענדיג און קלעפענדיג צו פארשידענע ראדיקאלע און רעוואלוציאנערע גרופעס, וועלכע האבען עקזיסטירט אין יענער צייט, איז אויך אונזער פארוואגעלטע גרופע געקומען צום געדאנק צו ארגאניזירען אן אייגענע ארגאניזאציע, וואו זיי זאלען קאנען גרופירען ארום דיזער ארגאניזאציע, אונזער גאנצע לאנדסמאנשאפט, און וואו זיי זאלען זיך קאנען אפגעבען מיט געזעלשאפטליכער און קולטורעלער ארבייט און וואו זיי זאלען אויך קאנען פראקטיצירען דעם געדאנק פון געגענזייטיגער הילף.

אזוי איז אונזער גרופע געקומען צום געדאנק, אז כדי צו האבען אן ארגאניזאציע, וואו זיי זאלען האבען א מעגליכקייט צו ארבייטען אויף די אלע אויבען דערמאנטע געביטען, מוזען זיי זיך אנשליסען אן דער גרויסער געזעלשאפטליכער און סאציאליסטישער אינסטיטוציע — ארבייטער רינג.

אזוי איז אונזער קליינע גרופע געלונגען צו ארגאניזירען און פאר פונדעווען אונזער ברענטש 498, ארבייטער רינג.

אין פארלויף פון די פארגאנגענע 25 יאהר ,האט אונזער בר., טריי צו זיינע פרינציפען און טריי צו די פרינציפען פון דעם ארבייטער רינג, אנגעפיהרט די ארבייט אויף א ברייטען מאסשטאב אויף דעם געזעלשאפטליכען אזוי גוט ווי אויף דעם עקאנאמישען געביט. איז ערגיץ וואו פארגעקומען א קאמף פון ארבייטער צו פארבעסערען זייער לאגע, א קאמף אהיימצוברייננגען א גרעסער שטיקעל ברויט צו זייערע פרויען און קינדער, א קאמף צו פארקורצערען די ארבייטס־שטונדען, א קאמף צו פארניכטען די סוועטשאפ־באדינגונגען, וועלכע האבען געהערשט אין יענער צייט, איז בר. 498 געווען פון די סאמע ערשטע צו קומען מיט הילפסמיטלען, פינאנציעלע אזוי גוט ווי מאראלישע. איז ערגיץ־וואו אנגעפיהרט געווארען אינטענסיווע אקציוויטעטען אויף דעם אלגעמיינעם געזעלשאפטליכען פראנט, אן אונטערשייד צו אנגעפיהרט פון אונזער ארבייטער רינג, אדער אלגעמיינע ראדיקאלע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס פון דעם אידישען לעבען אין אמעריקע, האט ברענטש 498 טריי צו זיינע טראדיציעס, אויך דא גענומען א ווארימען און לעבעדיגען אנטייל.

און אזוי קאנען מיר ציהען דעם גאלדענעם און אנענדליכען פאדים פון די פארשידענארטיגע טעטיגקייטען, וואס ברענטש 498 האט אנגעפיהרט אין די פארגאנגענע 25 יאהר. און ווייל מיר שאצען אפ אונזער ארבייט פאר די לעצטע 25 יאהר, טארען מיר אויך ניט פארקוקען דעם פאקט, וואס אין פארלויף פון דער צייט האט אונזער ברענטש אויך דורכגעמאכט פארשידענע שטורמישע פעריאדען. פעריאדען, וועלכע האבן אונטערגעגראבען דעם סאמע פונדאמענט פון אונזער בר. און געסטראשעט דעם גאנצען עקזיסטענץ פון אונזער ארגאניזאציע. אבער א דאנק דעם געזונטען אינסטינקט, פארשטאנד און לאיאליטעט און אויסגעהאלטענקייט פון אונזערע מיטגלידער, איז אונז אלע מאל געלונגען ארויסצוקומען שטארקער און ענגער צוזאמענגעשלאסען, און מיט מעהר פארשטענדניש פאר אונזערע צילען און אויפגאבען. און ווען מיר ריידען פון די פארבענרייכע טעטיגקייטען, וואס אונזער ברענטש האט אנגעפירט, טארען מיר אויך ניט אויסלאזען דעם געביט פון געגענזייטיגע הילף און אינשורענס צו די פרויען פון אונזערע פארשטארבענע מעמבערס.

אין פארלויף פון די פארגאנגענע 25 יאהר, איז אויסגעצאלט געווארען צו קראנקע מיטגלידער אין בענעפיטס אליין איבער $11.599,00 און עס איז אויך אויסגעצאלט געווארען איבער $2.400,00 אין טויטען אינשורינס צו די פרויען פון אונזערע פארשטארבענע מיטגלידער . או ווען מיר האלטען ביי די פארשטארבענע מיטגלידער, איז ווייל דער יעצטיגער מאמענט דארף זיין א פייערליכער און מיר דארפען פייערען מיט פרייליכע הערצער און מיט שטאלץ, וואס אונזער ארבייט איז אזוי ווייט ווי עס האלט יעצט געווען א געלונגענע, טארען מיר אבער ניט פארגעסען אין אונזערע פארשטארבענע מיטקעמפער, און לאמיר מיט געבויגענע קעפ לאזען א טרער אויף די אלטע און פרישע קברים פון אונזערע פארשטארבענע מיטגלידער און מיט פארקלעמטע הערצער טרויערען אויף דעם פאקט וואס זיי האבען ניט דערלעבט אנטייל צו נעהמען אין אונזער גרויסער שמחה.

און צו זייערע פאמיליעס זאגען מיר, זייט געטרייסט. זייט געטרייסט מיט דעם געדאנק, אז אייערע מענער האבען איבערגעלאזען נאך זיך א שעהנעם מאנומענט אין דער פארמע פון זייער לאיאלע ארבייט פאר ברענטש 498.

און צו ענדע בעט זיך אויך א ווארט וועגען אונזער פרויען־קלוב, וואס דער ברענטש האט ארגאניזירט מיט 4 יאהר צוריק. און ביי דעם יעצטיגען פרעהליכען מאמענט, מוזען מיר מיט שמאלץ זאגען, אז ברענטש 498 איז געווען פון די ערשטע געצעהלטע ברענטשעס פון ארבייטער רינג, וועלכער האט איינגעזעהן די נויטווענדיגקייט צו ארגאניזירען אונזערע פרויען אין איין קלוב. און א דאנק דער טעטיגקייט פון אונזערע פרויען־מעמבערס, האט אונזער ברענטש גענאסען א גרויסע אויפלעבונג אין פארלויף פון דעם עקזיסטענץ פון פרויען־קלוב.

און יעצט, מיטגלידער פון אונזער ברענטש 498, נעהמט אן אונזער הארציגע באגריסונג צו דער פייערונג פון אונזער יום־טוב, און מיר ווינשען אייך נאך פילע יאהרען פון פרוכטבארער טעטיגקייט און מיר זאגען, אז ביים יעצטיגען מאמענט איז נאך פיעל וויכטיגער צו האלטען דעם גרויסען ארבייטער רינג צוזאמען געשמיט שטארקער און פעסטער. און אין א צייט, ווען א שרעקליכע, פינסטערע, מערדליכע רעאקציע אין דעם געשטאלט פון דעם בלוטיגען, שווארצען פאשיזם און אנדערע „איזמען” פארשפרייטען זייער מאנסטערפליגלען און סטראשען צו פארניכטען אונזערע פרייהייטען אין אונזער סאמע עקזיסטענץ אלס א ציוויליזירטע מענשליכע געזעלשאפט, באזירט אויף דעמאקראטישע יסודות, אין אזא צייט זאגען מיר, אז עס איז נאך פיל וויכטיגער צו שטעהן ענגער צוזאמענגעבונדען, ענגער צוזאמענגעשמידט ארום אונזערע אינסטיטוציעס, ארום אונזערע ארגאניזאציעס, וועלכע שטעלען פאר זייערע אויפגאבען צו קעמפען, און קעמפען שטארק, מעכטיג און מוטיג פאר דעם דעמאקראטיזם אויף דער גאנצער וועלט.

הורא פאר ברענטש 498 ; הורא פאר דעם ארבייטער רינג, זייט הערצליך באגריסט.

---

באגריסונג פון

## מעדיקאל דעפארטמענט, אר. רינג

**ס. קאנער, מענעדזשער**

**ל. בעצאהלער, אסיסטענט מענעדזשער**

---

א הארציגען גרוס צו אלע באאמטע און מיטגלידער פון ברענטש 498, צום 25 יאהריגען יובילעאום פון אייער ברענטש. אייער היינטיגער יום־טוב איז א וויכטיגע געשעהעניש אין דעם לעבען פון גאנצען ארבייטער רינג, אין מעדיקאל דעפארטמענט, וועלכער איז א קאאפעראטיווע ארגאניזאציע צו פארזיכערען מעמבערס און זייערע פאמיליעס מיט מעדיצינישער באהאנדלונג.

די אינסטיטוציע, וועלכע ווערט היינט־צו־טאג פון אלעמען אנערקענט אלס איינע פון די וויכטיגסטע און שעהנסטע אינסטיטוציע אין ארבייטער רינג. אין דיזען דעפארטמענט פארנעהמט אייער ברענטש א וויכטיגען ארט.

עס איז פאר אונז א פארגעניגען צו באגריסען אייך צו אייער היינטיגען יום־טוב. מיר ווינטשען אייך פארצוזעצען די גוטע ארבייט מיט מעהר ענערגיע צו פארשעהנערען און פארגרעסערען אונזער באליבטען ארבייטער רינג און אלע זיינע אינסטיטוציעס.

פינף און צוואנציג יאריגער יובילעאום נאוואסעליצער פראג. בר. 498, א. ר.

# 1913 25 יאָהר געשיכטע 1938

— פון —

# נאָוואָסעליצער בעסאַראַביער פּראָג. בר. 498

## אַ ר ב י י ט ע ר ר י נ ג

געשריבען און באַאַרבייט פון

**ד. פּאָלישטשאָק** און **דזשאו קאָרינפעלד**

●

מיר פילען זיך גליקליך צו זיין פון די ערשטע צו שרייבען די געשיכטע פון ברענטש. דער קאַפּיטעל איז נאָך ניט געענדיגט. עס וועלען נאָך קומען אַ סך פאָרזעצונגען, און במילא אויך נייע געשיכטע־שרייבערס, און מיר זיינען זיכער, אַז די צוקונפטיגע שרייבערס וועלען שרייבען אַ מעהר פאַרבענרייכע געשיכטע פון אונזער ברענטש.

גרויסע שוועריגקייטען האָבען מיר באַגעגענט ביים צוזאַמענקלייבען די מאַטעריאַלען פאַר דער געשיכטע, ווייל אַ סך פון אונזערע אַלטע פּראָטאָקאָלען זיינען פאַרלוירען געגאַנגען, און מיט דעם ביסעל, וואָס מיר האָבען צוזאַמענגעקלובען, באַנוצען מיר זיך יעצט.

מיר ווילען האָפען, אַז עס האָט זיך אונז מעהר־ווייניגער איינגעגעבען עטוואָס צוזאַמענצושטעלען.

אין 1909, ווען אין ניו יאָרק האָט זיך צוזאַמענגעקלאבען אַ גרופּע יונגע מענשען, וועלכע זיינען געווען פון די ערשטע אַרויסצוכאַפּען זיך פון דעם דאַמאָלדיגען צאַרישען רוסלאַנד און לעבען אין די פאַראייניגטע שטאַטען אין אַ פרייערער אַטמאָספערע, האָבען געפילט, אַז זייער פרייער לעבען וועט זיי נישט צופרידענשטעלען, ווען זיי וועלען נישט שאַפען אַ פּלאַץ, ניט נאָר פאַר זיך אויף צוזאַמענצוקומען, נאָר אויך פאַר די נייע אַריבערגעקומענע.

אין אַ שבת נאַכט, האָט טשאַלי פרענק פאַררופען צו זיך אין הויז, אין 390 איסט 10טע סטריט, אויף דעם דריטען פלאָר, אַ מיטונג פון פאָלגענדע פריינד: טש. פרענק, דזשאו קאצמאַן, מ. ליכטמאַן, איזי דראַנטש, מ. קענטאַר, יונה ראַבינאָוויץ, פ. קערנער, סעם גלאַנצמאַן, און אונזערע צוויי פאַרשטאָרבענע פריינד, ה. פעפירהאָלץ און ב. וויינבערג, און ביי יענעם מיטינג איז געלייגט געוואָרען דער ערשטער ווינקעלשטיין פאַר אַ יוגענט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באַקומען דעם נאָמען: „נאָוואָסעליצער יאָנג מענס און יאָנג לידיעס סאָסייעטי”, און ניט פאַרלירענדיג קיין סך צייט, איז גלייך פאַררופען געוואָרען אַ מאַסען־מיטינג פון אַלע נאָוואָסעליצער, ווי עס איז איבערגעגעבען געוואָרען, אַז עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע. און ווי וויכטיג עס איז פאַר אונז און אויך פאַר די נייע אַריבערגעקומענע צו האָבען אַ פּלאַץ וואו זיך צוזאַמענקומען, און האָט דער באַשלוס איז ביי יענעם מיטינג אויפגענומען געוואָרען מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג. און גלייך ביי יענעם מיטינג האָבען זיך פאַרשריבען 27 מעמבערס.

די צאָלונגען זיינען געווען 10 סענט אַ וואָך, און אַזוי איז די אָרגאַניזאַציע געוואקסען פון מיטינג צו מיטינג. די טעטיגקייטען זיינען געווען פאַרשידענע: זיי זיינען באַשטאַנען פון לעקטשורס, דיסקוסיעס, קאָנצערטען, ליטעראַרישע אָווענטען און אויך בעלער.

אָפּאַרבייטענדיג אַ שטיקעל צייט, איינלעבענדיג זיך אין נייעם לאַנד, האָבען די טוער געפילט אַ נויטווענדיגקייט צו זיין ענגער פאַרבונדען מיט דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג אין דעם נייעם לאַנד, און אַ דאַנק די פריינדע, דזשאו קאַצמאַן און אונזער פאַרשטאָרבענער פר. הערי פעפירהאָלץ, זייענדיג אין יענער צייט מעמבערס פון אַרבייטער רינג, און זייענדיג באַקאַנט מיט די פּרינציפּען און אידעאַלען פון אַרבייטער רינג, האָבען זיי אַגיטירט, אַז די סאָסייעטי זאָל ווערען אַ טייל פון דעם אַרבייטער רינג.

עס איז ביי זיי געווען אַ דאָפּעלטע אויסרעכענונג. זייענדיג אַ ברענטש פון אַרבייטער רינג, מיינט שוין אויך צו זיין אַ טייל פון דער אַרבייטער־באַוועגונג, ווייל דער אַרבייטער רינג איז אַרויסגעוואקסען פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און צו זעלבער צייט האָבען אַ מעגליכקייט ווייטער פאָרזעצען די קולטורעלע אַרבייט, און אויך אַ פאַרזיכערונג פאַר די מעמבערס אין פאַל פון קראַנקהייט מיט פאַרשידענע בענעפיטס. און אָט ־ דער געדאַנק איז פאַרווירקליכט געוואָרען אין דזשולי דעם 1טען, 1913. אין יענעם היסטאָרישען טאָג זיינען מיר געוואָרען אַ טייל פון דעם גרויסען רינג, אונטער דעם נאָמען: „נאָוואָסעליצער פּראַג. ברענטש 498”.

די ערשטע באַאַמטע זיינען געווען: פריינד קאַצמאַן, פינאַנס־סעקרעטאַר און ד. פּאָלישטשאָק, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר. ערשט דאַן האָט זיך געעפענט אַ פעלד צו באַאַרבייטען, צו ערציהען די מעמבערס צו זיין ערנסטע און אויך גוטע קעמפער אין נייעם לאַנד פאַר אַ שעהנערער צוקונפט.

דעם אמת געזאָגט, האָט שוין דאַן עקזיסטירט דער נאָוואָסעליצער פאַראיין, וועלכער איז דאַן און אַזוי אויך יעצט, געבליבען אין זיינע ראַמען פון בענעפיטס, און אויך איז זייער בליק אויף דעם געזעלשאַפטליכען לעבען פאַרבליבען ווי צו דעם ערשטען טאָג פון זיין אָרגאַניזירונג, ווען אונזער אויפגאַבע איז געווען און איז פאַרבליבען ביז היינט צו טאָג, אָנטייל צו נעהמען אין געזעלשאַפטליכען לעבען. און אונזער ברענטש האָט דאָס רעכט צו זאָגען, אַז ער נעהמט אָנטייל אין געזעשאַפטליכען לעבען, ווייל בלעטערינג די געשיכטע פון ברענטש, וועט איהר טרעפען ווי ברענטש 498 פאָדערט פון זיינע מעמבערס צו שטעהן שטענדיג מיט די יוניאָנס און זיי העלפען בויען; באַשטראָפט די, וואָס געהען אַראָפּ פון וועג בנוגע די געזעצען און מאָראַל פון די יוניאָנס; שאַפט געלט פאַר סטרייקס, שטיצט שטענדיג די יוניאָנס מיט גרויסע סומען, ווען זיי זיינען פאַרוויקעלט אין סטרייקס; צאָלט די בילס פאַר די מעמבערס און גיט זיי פינאַנציעלע הילף, אום זיי זאָלען מוטיג קעמפען פאַר זייערע גערעכטע פאָדערונגען.

דאָס אַלעס באַווייזט, אַז מיר האָבען נישט נאָר געפּרעדיגט הילף פאַר דער אַרבייטער־באַוועגונג, נאָר מיר האָבען געהאָלפען מיט אונזער גאַנצען האַרצען און פולער האַנט.

אַזוי האָט די אַרבייט אָנגעהאַלטען ביז די שפּאַלטונג פון דער אַרבייטער־באַוועגונג. אונזער ברענטש איז אויך ניט אויסגעלאָזט געוואָרען, ווייל אַ טייל פון יענער אַקטיוויטעט איז מיטגעריסען געוואָרען מיט יענעם פאַרניכטונגס־שטורם. די פאַרניכטונגס־אַרבייט האָט זיך אָנגעפאַנגען. מעמבערס זיינען פאַרטריבען געוואָרען, אויסגעליידיגט די קאַסע, אָפּגעשאַפט דעם לאָקאַלען בענעפיט און אַלץ איז געגאַנגען צו גרונט.

אין אַ שעהנעם פרימאָרגען האָבען זיי איבערגעלאָזט דעם ברענטש צעבראָכען, פאַרניכטעט דעם צוטרויען פון איינעם צום צווייטען. אָבער אַ דאַנק אונזער געוועזענעם פאַרשטאָרבענעם פריינד דזשעק דראַנטש און נאָך איינעגע מעמבערס, וואָס זיינען פאַרבליבען האָבען מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר האָבען אַ ברענטש פון וועלכען מיר פייערען היינט דעם יובילעאום.

ספּעציעל, ווען מיר שרייבען די געשיכטע, פאַרשרייבען מיר דעם נאָמען פון דזשאו קאַצמאַן מיט גאָלדענע ווערטער, ווייל ער איז געווען דער יעניגער, וואָס האָט צוזאַמענגעקלאבען די אַלע שטיקלאַך און ברעקלאַך, און ניט נאָר צוריקגעבראַכט דעם צוטרוי פון איינעם צום צווייטען, נאָר אויך געמאַכט דע סבר. שעהנער און שטאַרקער, און אַזוי האָט דער בר. ווייטער אָנגעפאַנגען אַרבייטען נאָך מיט מעהר ענערגיע אויף די זעלבע יסודות ווי פריער.

וועגען דער פרויען־באַוועגונג. מיר זיינען שטאָלץ צו זאָגען צווישען אונזערע לאַנדסלייט, אַז ברענטש 498 איז געווען דער ערשטער צו אָרגאַניזירען די פרויען אין אַ זעלבסטשטענדיגער אָרגאַניזאַציע, און צו אונזער כבוד אַ שעהנע אָרגאַניזאַציע, וועלכע טוט גוטע אַרבייט. און היינט־צו־טאָג זעהען מיר, אַז דעם ביישפּיל האָבען אונזערע לאַנדסמאַנשאַפט אָרגאַניזאַציעס נאָכגעטאָן אויף אַן אַנדערען וועג. אָנשטאָט גרינדען אַ זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציע, האָבען זיי געגרינדעט לידיס אָקזילערים.

אויך נעהמט דער ברענטש אַ טיכטיגען אָנטייל אין דער שול־באַוועגונג. מיר שטיצען זיי אין אַלע זייערע אַרבייטען, ווייל די שולען זיינען דאָס פּלאַץ פאַר אַלע קינדער ווי זיי האָבען די מעגליכקייט צו לערנען און זיך באַקענען מיט אַלע געגענשטאַנדען פון דער אידישער געשיכטע.

און ווען מיר בלעטערען איבער די פינאַנס־ביכער פאַר די 25 יאָהר, געפינען מיר, אַז די שטיצע וואָס מיר האָבען געגעבען צו אונזערע

מעמבערס איז פּשוט אַ קאָלאָסאַלע, אָבוואָהל דעם קראַנקען־בענעפיט וואָס מיר צאָלען, איז אַ ביי זייך האָט דער בר. אויסגעצאָלט אין די 25 יאָהר קראַנקען בענעפיט די סומע פון $11.597.00, און טויטען בענעפיט — 2.400.00. און ווען אַ מעמבער איז אין אַ נויט, זעהען מיר, ווי אונזער בר. שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך, גיט הונדערטער דאָלאַרס און העלפט דעם מעמבער זיך צוריק צו שטעלען אויף די פיס.

און אָט דאָס איז דער רעקאָרד פון ברענטש אויף וועלכען מיר זיינען שטאָלץ.

אונטערפירענדיג דעם סך־הכל פון אונזער 25 יאָהר אַרבייט, ווילען מיר זאָגען צו אונזערע מעמבערס: זייט שטאָלץ מיט אָט־דער אַרבייט, וואָס עס איז געטאָן געוואָרען יעצט, און לאָמיר אויך ווייטער פאָרזעצען די גוטע אַרבייט מיט נאָך מעהר ענערגיע.

מיר באַגריסען אייך, פריינדע און פריינדינעס פון ברענטש, צו אונזער אַלעמענס יום־טוב. די פאַרגאַנגענהייט איז אַ שעהנע און גייסטרייכע, און מיר ווינשען, דאָס די צוקונפט זאָל זיין שעהנער און רייכער.

מיר דריקען אויס אַ דאַנק די פאָלגענדע פריינד: טש. פרענק, דזשאו ווילנער, דזשאו קאַצמאַן, איזי דראַנטש, מעקס קענטאָר, פאַר איבערגעבען דעם מאַטעריאַל מיט וועלכען מיר האָבען זיך באַנוצט אויף צוזאַמענשטעלען די געשיכטע.

---

# באַגריסונג פון פינאַנץ־סעקרעטאַר

## פון טש. פרענק

עס איז פאַר מיר אַ פרייד און אַ פאַרגעניגען אייך אַלעמען צו באַגריסען צום 25 יאָהריגען יובילעאום, וואָס אונזער ברענטש פייערט היינט, און ספּעציעל פרעה איך זיך, ווייל שרייבענדיג די ערינערונגען פון ברענטש, וועלכע זיינען געוואָרען אַ טייל פון דער געשיכטע פון ברענטש, האָב איך זיך צו יענער צייט ניט פאָרגעשטעלט, וואָס עס וועט זיין מיט 25 יאָהר שפּעטער. און יעצט, ווען מיר פייערען אונזער יובילעאום און זעה, וואָס עס איז געוואָרען פון יענעם קליינעם צוזאַמענקונפט, איז דאָס ביי מיר אַ דאָפּעלטער יום־טוב.

זייענדיג יעצט אין אַ געהויבענער שטימונג, וויל איך ביים יעצטיגען מאָמענט אויסדריקען מיין האַרציגע באַגריסונג צו אייך אַלע פריינד און פריינדינעס און געלאַדענע געסט, צו אונזער יום־טוב, און איך אַפּעליר צו אייך, דאָס נישט נאָר דאַרפט איהר זעהן דאָס אייערע פריינד אין דער היים זאָלען אויך זיין אייערע פריינד אין ברענטש, נאָר אויך אייערע קינדער דאַרפען ווערען אַ טייל פון דעם גרויסען אַרבייטער רינג, און נאָר מיט פאַראייניגטע כחות וועלען מיר דערגרייכען דאָס, צו וועלכען מיר שטרעבען, און מיין וואונטש צו אייך אַלעמען איז, זעצט פאָר אייער אַרבייט, ניט נאָר פאַר דעם ברענטש נאָר פאַר דעם גאַנצען אַרבייטער רינג.

---

# באַגריסונג פון אַן עקזעקוטיוו מעמבער

## פון איזי דראַנטש

צו אונזער גרויסען יום־טוב פון 25 יאָהר עקזיסטענץ, וואָלט איך זעהר געוואָלט זיין אַ גרויסער שרייבער, צו מאָהלען די ערפאָלגרייכע פאַרגאַנגענהייט פון אונזער ברענטש 498, און די פאַרדינסטען וואָס ברענטש 498 טראָגט אין העלפען בויען דעם גרויסען אַרבייטער רינג, וואָס טראָגט אין זיך דעם אידעאַל פאַר אַ געזעלשאַפטליכער אָרדענונג, וואו אַלע מענשען זאָלען גלייך געניסען די פרוכט פון ערליכע אַרבייט.

איך באַגריס אונזערע באַאַמטע און מיטגלידער פון אונזער נאָוואָסעליצער ברענטש 498, און איך ווינש, אַז די שעהנע פאַרגאַנגענהייט פון אונזער ברענטש זאָל זיין דאָס ליכט פאַר ווייטערדיגע אַרבייט אויפ'ן געביט פון אונזער גרויסן רינג, פאַר דעם פּרינציפּ פון פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע מענשען.

איך באַגריס אייך אַלע פריינד, פריינדינעס און געסט!



# מיר זיינען אַלע די זעלביקע פאָלקס־מענשען

## פון משה מ. פרענק

25 יאָהר לעבען און אַקטיוויטעט איז אַ גרויסער יום־טוב, סיי פאַר אַ יחיד, סיי פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, אָבער נאָך וויכטיגער איז 25 יאָהר אַרבייט און דערגרייכונגען אין דעם לעבען פון אַן אַרבייטער רינג ברענטש, ווי דער נאָוואָסעליצער ברענטש 498 איז. מיר לעבען אין אַ היסטאָרישער צייט, אַ צייט פון גרויסע אומרועז און צערודערונגען אין דער וועלט, אין דער אידישער וועלט, וואו אין דער אַלגעמיינער.

מיט 25 יאָהר צוריק, ווען אַ קליינע גרופּקע עלענטע, אָרימע און פאַרוואָגלטע אימיגראַנטען, פאַרוואָרפען אַהער פון דער דעמאָלט־געזונטער בעסאַראַביער ערד, איז זיך צוזאַמענגעקומען און געלעגט דעם גרונטשטיין פאַר דעם צוקונפטיגען אַרבייטער רינג ברענטש 498, איז דעמאָלט די וועלט געשטאַנען ערב אַ וועלט־מלחמה. צעשראָקענע, מיט אומזיכערע טריט פאַר דעם קומענדיגען מאָרגען, האָט זיך דאָס הייפעלע לאַנדסלייט געטוליעט איינס צום אַנדערען, געזוכט אַ פריינטליכע קולטורעלע היים, און אַ וועג ווי אַזוי מען זאָל צוזאַמען קעמפען פאַר אַ שעהנערער וועלט און אַ ליכטיגען מאָרגען.

פילע פון יענע איבערגעגעבענע טוער זיינען היינט מער ניטאָ מיט אונז, אָבער זייער אַרבייט, וואָס זיי האָבען אַריינגעלייגט, עקזיסטירט. זיי און פילע וואָס זיינען געקומען נאָך זיי האָבען אַוועקגעשטעלט אַ פעסטען פונדאַמענט און אויסגעבויט אַ שטאַרקע געביידע, וואָס זאָל אונז באַשיצען אין אונזער סאָציאַל־געזעלשאַפטליכען לעבען. פאַר זייערע אויגען האָט זיך אין די לעצטע 25 יאָהר אָפּגעשפּילט די בלוטיגע וועלט־מלחמה און איהרע נאָכוויייעניש. זיי און מיר אַלע האָבען געזעהן, ווי אַ וועלט האָט זיך געוואָרפען אין קאָנוואולסיעס און געבוירען דעם פינסטערען פאַשיזם, און אין פאַרלויף פון דעם לעצטען פערטל יאָהרהונדערט, האָט זיך אינגאַנצען געביטען די פיזיאָנאָמיע פון דער וועלט. אין אונזער אַלטער היים איז דאָס אידישע לעבען געוואָרען אומזיכערער, פּאָליטיש און פיזיש. דער איד איז דעגראַדירט סאָציאַל און דעקלאַסירט עקאָנאָמיש. דער היטלעריזם און אַנטיסעמיטיזם האָט אויסגעשפּרייט זיינע בלוטיגע לאַפּעס איבערן גאַנצען אייראָפּייאישען קאָנטינענט, און דריקט און שטיקט אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים.

דאָ אין אַמעריקע, וואו מיר האָבען ביז יעצט געפונען אַ מקום מנוחה, איז אויך פאַראַן די געפאַר, אַז דער אַנטיסעמיטיזם זאָל זיך פאַרשפּרייטען, אָבער דאָ זיינען מיר נאָך אין אַ לאַגע צו קעמפען געגען די אַלע שלעק און שלענג.

דער נאָוואָסעליצער ברענטש 498 אין זיין 25 יאָהריגער עקזיסטענץ, איז קיינמאָל ניט אָפּגעשטאַנען פון די קעמפערישע רייען, צי דאָס איז געווען פון שאַפען מאַטעריעלע הילף פאַר אונזערע ברידער אין אייראָפּע, צי דאָס איז געווען אין אויפהייבען הויך אונזער שטימע געגען היטלעריזם און פאַשיזם, צי דאָס איז געווען געגען רעאַקציע און שאָוויניזם אין אונזער אייגען לאַנד, אין אַמעריקע, אָדער גיבען אונזער פינאַנציעלע און מאָראַלישע שטיצע פאַר אַרבייטער־אינטערעסען און סאָציאַליסטישען אידעאַל, אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך געווען פאַר אונזערע כחות.

היינט פייערען מיר 25 יאָהר לעבען און אַקטיוויטעט פון אונזער אָרגאַניזאַציע. צו דער געלעגענהייט ווילט זיך זאָגען צו אַלע נאָוואָסעליצער לאַנדסלייט, פריינד און באַקאַנטע וואָס געהערן נאָך ניט צום נאָוואָסעליצער בר. 498, שליסט זיך אָן אין דעם ברענטש, די צייט פון צו זיין אַוועק פון די אַלע געשעהענישען און זיין פאַר זיך אַליין, איז שוין לאַנג אַוועק. מיר זיינען אַלע די זעלביגע פאָלקס־מענשען און אַרבייטער, קענער ניט בעסער, קענער ניט ערגער. שליסט זיך אָן אין אַרבייטער רינג און לאָמיר אַלע צוזאַמען מיט פאַראייניגטע כחות אויפבויען אַ גרויסען און אַ מעכטיגען ברענטש, וואָס זאָל זיין אַ שטאָלץ פאַר אונזער לאַנדסמאַנשאַפט. עס איז אַ כבוד צו זיין אָנגעשלאָסען אין דעם גרויסען און שעהנעם אַרבייטער אָרדען — אַרבייטער רינג.

און צו אייך, טוער, פירער און מיטגלידער פון ברענטש, דער היינטיגער יום־טוב איז אַ קרוינונג פון אייער דערפאָלגרייכער אַרבייט. זאָל אייערע הענט זיין געשטאַרקט און געבענטשט, האַלט הויך און מוטיג אייערע קעפּ און גייט אָן מיט טאָפּעלטער קראַפט אין אייער אַרבייט, פאַר אַ גרעסערע און גליקליכע משפחה אין דעם נאָוואָסעליצער ברענטש 498, אַרבייטער רינג.

זייט באַגריסט!



יובילעאום עקזעקוטיוו קאמיטע פון נאוואסעליצער פראג. ברענטש 498, אר. רינג

פון רעכטס צו לינקס, זיצענדיג: ד. בירינבוים, מ. יאסלאוויץ, טש. פרענק, נ. ווילנער, דזשאו קאצמאן, וו. נעטענסאן.
שטעהענדיג: ל. ספילמאן, מ. נאדעלמאן, ק. שיכעל, דזשאו ווילנער, וו. טאראנסקי, ד. פאלישטשאק.



# באַגריסונג פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע

יט א יום־טוב'דיגער שטימונג שיקען מיר, אַלס מעמבערס פון דער עקזעקוטיוו קאָמי־טע, אונזער באַגריסונג צו אַלע מעמבערס פון אונזער ברענטש 498 צו אייער און אונזער 25 יאָהריגען יובילעאום. און צוזאַמען מיט אונזער באַגריסונג שיקען מיר אייך אויך אונזער וואַרעם ברודערליכען דאַנק פאַר דעם גרויסען כבוד און צוטרוי, וואָס איהר האָט אונז געגעבען מיט דעם, וואָס מיר פאַרטרעטען די עק־זעקוטיווע פון ברענטש, וואָס נאָר מיט אייער הילף, אינספּיראַציע און קאָאָפּעראַציע, האָט דער ברענטש די גאַנצע 25 יאָהר פון זיין עקזיסטענץ געקענט פירען אַזאַ שעהנעם און גייסטרייכען לעבען, ווייל נאָר מיט אייער מיטווירקונג האָט אונזער ברענטש געקענט אָנשרייבען אָט־דעם גלענ־צענדען רעקאָרד.

דאַרום איז אונזער הייניטיגער יום־טוב ניט קיין מאָמענטאַלער, נאָר לאַנג דויערהאַפטער, געבויט דורך פילע יאָהרען פון אונערמידליכער און אחריות'דיג ווירקזאַמער טעטיגקייט, און מיר ווינשען אייך ווייטער אָנגעהן מיט דער גרויסער פאַראַנטוואָרטליכער אַרבייט מיט'ן זעלבען וועג אין דער זעלבער ריכטונג צום 50 יאָהריגען יובי־לעאום. זייט געגריסט!

## די עקזעקוטיוו קאָמיטע פון ברענטש 498

●

### עקזעקוטיווע:

מ. יאַסלאָוויץ ........................ פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר

| | |
|---|---|
| טש. פרענק | דזשאו ווילנער |
| ד. בירינבוים | וו. טאַראַנסקי |
| נ. ווילנער | מ. נאַדעלמאַן |
| וו. נעטענסאָן | ל. ספילמאַן |
| ק. שיכעל | ד. פאַלישטשאַק |
| דזשאו קאַצמאַן | יאַקער |
| איזי דראַנטש | |

# וואָרום איך באַלאַנג צום אַרבייטער רינג בכלל, און צום ברענטש 498 בפרט?

## פון דזשאַו קאָרינפעלד

איך האָב ניט גענוג ווערטער און איך באַזיץ ניט די שפּראַך פון דעם פּאָעט, וועלכער זאָל קענען אין דיזען מאָמענט אויסדריקען אָט־די אַלע געפילען מיט וועלכע מיר זיינען היינט אָנגעפילט. מיר פייערען היינט אונזער 25 יאָהר אַרבייט, אַרבייט פון אָנשטרענגונג, אַרבייט פון איבערגעבענהייט, אַרבייט, וואָס איז געטאָן געוואָרען מיט ליבע גאַנצע 25 יאָהר, און עס איז גאָרניט קיין קלייניקייט צו דערלעבען אַזאַ שמחה, וואָס מיר פייערען היינט, ווייל נאָר גיבען מיר אַ טראַכט אויף דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס אין דער פּעריאָדע פון די 25 יאָהר, מוז מען זיך ווירקליך שטעלען אַ פראַגע: אין וואָס פאַר אַ כוחות באַשטעהט אונזער עקזיסטענץ, איבערלעבענדיג די שווערסטע פּאַסירונגען פון לעבען פון אונזער צייט? און דער ענטפער איז גאַנץ פּשוט: עס איז דאָ אַ מערקווירדיגע ערשיינונג. אין אונזער אַנטלאַנטישען ים, אינמיטען פון'ם קאַלטען ים פליסט אַ שטראָם אַ וואַרימער, וועלכער רופט זיך: גאָלף־שטראָם. דער שטראָם ציט זיך פאַר טויזענטער מיילען אין די כוואַליעס פון דעם קאַלטען ים.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט אונז, דאָ אין דעם לאַנד, ווייל דאָ אין דעם לאַנד, אין דעם אידישען לעבען אין אַמעריקע איז דער אַ. ר. דער וואַרימער שטראָם, וואָס ברייננט וואַרימקייט און ליכט אין דעם אידישן לעבען אויף אַ גאַנץ גרויסן שטח פון דער וועלט. און היינט צו טאָג, ווען מיר פייערען אונזער 25 יאָהריגען יובילעאום, מוזען מיר זיך דערמאָנען אין אונזער געוואַלדיגער קאַמפּס־פּעריאָדע פון דער גאַנצער צייט, וואָס מיר האָבען אָנגעפיהרט פאַר אונזער עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג, ווייל מיר דאַרפען ניט פאַרגעסען, אַז מיט 25 יאָהר צוריק זיינען מיר אַרויסגענומען געוואָרען פון אונזער אַלטער היים אַזוי ווי ציגעל, וואָס ווערען אַרויסגענומען פון אַן איינגעפונדעוועטע געביידע. דאָס אידישע לעבען אין דער אַלטער היים איז געווען אַ באַפעסטיגטע, נאָך דעם איז געקומען דער גרויסער שטורם פון אונזער צייט, און איינעם נאָך דעם אַנדערען אַרויסגעריסען פון אונזער אַלטען אידישען ישוב, און אונז אַריבערגעטראָגען אויף דער זייט ים. מיר זיינען ניט פאַרלוירען געגאַנגען ווי עס ווערען פאַרלוירען ציגעל פון אַן איינגעפאַלענע געביידע.

מיט 25 יאָהר צוריק האָבען מיר זיך צוזאַמענגענומען און אָנשטאָט מיר זאָלען זיין צעמענטירט פון אַלע ציגעל פון אַלטע טראַדיציעס און רעליגיע, איז אונזער פונדאַמענט געוואָרען סאָציאַליזם, ברידערליכקייט, וואָס דאָס איז דער אַוואַנגאַרד פאַר אַ בעסערער און שעהנערער וועלט פאַר דעם אידישען לעבען אין אַמעריקע ווי אויך איבער דער גאַנצער וועלט.

פריינדע! איך מוז זיך מודה און מתודה זיין, און קען צום באַדויערען ניט זאָגען, אַז איך אויך בין געווען פון די ערשטע פּיאָנערען, וועלכע האָבען געהאָלפען בויען אונזער ברענטש 498, אַזוי אונערמידליך און קאַמפּסרייך, ווי עס האָבען געטאָן אַנדערע פון מיינע פריינד. איך מוז, לײדער, צוגעבען מיין טעות, ווייל צו יענער צייט האָב איך ניט באַגריפען און ניט געקענט פאַרשטיין די גרויסקייט פון דעם אידעאַליסטישען מענשליכען שטרעבונג. אָבער היינט־צו־טאָג, ווען מיר פייערען אונזער גרויסען יום־טוב, קען שוין קיינער ניט צווייפלען, אַז אונזער וועג איז געווען דער ריכטיגער, ווייל דאָס אַליין וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו דערלעבען $2\frac{1}{2}$ צענדליג יאָהר, גיט אונז אַלעמען די גרויסע האָפענונג צו דערלעבונג פון אונזער ברענטש אונטער דער פאָן פון אַרבייטער רינג, פאַר אַ גאַנץ לאַנגער צייט.

נעמט אָן מיין האַרציגע באַגריסונג, אַלס סאָלדאַט פון דער גרויסער אַרמיי פון דעם אַרבייטער רינג און אַלס מעמבער פון ברענטש, צו אונזער גרויסען יום־טוב. זאָלען מיר שפּרייזען זיכער און מוטיג, ניט קוקענדיג אויף אַלע שטערונגען און אַנטוישונגען, און ווייטער געהן פאָרווערטס אויף דעם וועג פון מענשליכער באַפרייאונג.

זייט געגריסט, אַלע געסט און באַקאַנטע, צו אונזער גרויסען יום־טוב!



# ערינערונגען פון מיין האַרציגען געליבטען ברענטש 498, אַרבייטער רינג

## פון דזשאַו ווילנער

מיט פרייד האָב איך אָנגענומען די איינלאַדונג אָנטייל צו נעמען אין דעם זשורנאַל, וואָס ווערט אַרויסגעגעבען צו אונזער 25 יאָהריגען יובילעאום. מיט דער איינלאַדונג באַנוץ איך זיך יעצט. ווען עמיצער פון אונז זאָגט זיך אַרויס: אָט פייערען מיר 25 יאָר, דאַכט זיך, וואָס איז טאַקע 25 יאָר? אָבער ווען מיר נעהמען אָט־די אַלע יאָהרען, יאָהר ביי יאָהר, זעהען מיר ערשט, וואָס עס מיינט 25 יאָהר לעבען, וויפיל פריידען און ליידען מיר האָבען דורכגעלעבט פאַר דער גאַנצער צייט.

מיר האָבען געזעהן אַלטע אידעאַלען זיינען פאַרשוואונדען, נייע זיינען געשאַפען געוואָרען, אָבער מיינע געפילען צו דיר, מיין ליבע אָרגאַניזאַציע זיינען געבליבען די זעלבע, ניט קוקנדיג אויף די אַלע ענדערונגען וואָס עס איז פאָרגעקומען. עס זיינען געוועזן צייטען, ווען דו האָסט זיך געלאָזט איינרייסען דורך פאַלשע פריינד, וועלכע האָבען בלויז געזוכט פערזענליכע נוצען פון דיר צו קריגען, און דיך פאַרלאָזט אַזוי שנעל, ווען זיי האָבען געזעהן, אַז מעהר קיין נוצען קענען זיי שוין ניט האָבען. אַ דאַנק די איינצעלנע פריינד האָסטו אַלעס איבערגעלעבט און צום סוף אַרויסגעקומען שעהנער, שטאַרקער, און אָט דורך די אמת'ע פריינד האָסטו געקענט ווייטער פאָרזעצען דיין גוטע אַרבייט, ניט נאָר פאַר די מעמבערס, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, און זייענדיג מיט דיר. האָבען מיר געהאַט פריידיגע און טרויעריגע צייטען, און אָט־די מאָמענטען וועל איך זיך יעצט טיילען מיט אייך אַלעמען.

